nystateofhealth™
The Official Health Plan Marketplace

פאקט בלאט

### שנעלע פאקטן אויף

# העלטה אינשורענס פאר אימיגראנטן

## דא זענען 4 וויכטיגע זאכן וואס איר זאלט וויסן איבער NY State of Health.

### 1 פאקטן וואס איר גיבט אונז וועלן נישט ווערן מיטגעטיילט

וואס איר זאגט פאר NY State of Health און אירע ראטגעבער איז פריוואט. די פאקטן וואס איר גיבט אונז זיך איינצושרייבן אין א העלטה פלאן וועלן נישט ווערן מיטגעטיילט מיט קיינעם. און זיי וועלן נישט ווערן גענוצט פאר סיי וועלכן אנדערן צוועק.

### 2 איר וועט באקומען הילף אפגעזען פון ווי אזוי איר אדער אייערע פאמיליע מיטגלידער זענען געקומען צו דעם לאנד.

אפילו אויב איר האט נישט קיין אימיגראציע פאפירן, אדער אויב מיטגלידער פון אייער פאמיליע זענען געקומען צו דעם לאנד אויף אנדערע וועגן, וועט איר בלויז דארפן אויספילן איין אפליקאציע פאר יעדן. און, אפגעזען פון אייער סטאטוס, קענט איר מעגליך נאך אלס באקומען עמערדזשענסי מעדיקעיד און געווענליכע העלטה דעקונג פאר אייערע קינדער (Child Health Plus).

### 3 איר וועט באקומען הילף אין פיל שפראכן

- די מענטשן וואס ענטפערן אונזערע טעלעפאנען רעדן פיל שפראכן. אויב זיי רעדן נישט אייערס, וועלן זיי אייך שאפן אן איבערזעצער.
- מיר האבן טרעניריטע מענטשן אין אייער געמיינדע וועלכע רעדן אייער שפראך. אויב עס איז אייך בעסער, קענען זיי אויך קומען דארט וואו איר וואוינט אדער ארבעט.

### 4 איר וועט באקומען הילף אויף פיל אופנים איר קענט טרעפן הילף אנליין

אויף די טעלעפאן אדער פערזענליך אין אייער געמיינדע. אונזערע טרעניריטע ראטגעבער וועלן אייך העלפן ביי יעדן שריט פון אויסוועלן און זיך איינשרייבן אין א העלטה פלאן.

- **אנליין ביי nystateofhealth.ny.gov**
- **דורכן טעלעפאן אויף 1-855-355-5777, TTY: 1-800-662-1220**

NY State of Health איז אן אנליין מארקפלאץ פאר העלטה פלענער. יעדער זאל קומען צום מארקפלאץ צו זען וואס עס קען אפפערן.

עס איז נישט קיין חילוק וואו איר זענט געבוירן. NY State of Health קען אייך העלפן.

אנליין ביי
nystateofhealth.ny.gov

דורכן טעלעפאן ביי
1-855-355-5777

TTY
1-800-662-1220